# איז עס שוין
# סוכות?



TU
TORAHUMESORAH

חזקי האט זיך אויפגעוועקט פרי ערב סוכות.



ער האט געקוקט אויף חי' און געפרעגט,
"איז עס שוין סוכות?"

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר גיין איינקויפן."



חזקי און חי' האבן זיך אנגעטועו, געדאווענט, און
ארויסגעגאנגען אויפן גאס. זיי האבן געזעהן טישן מיט
ארבע מינים, נוי סוכה, און אסאך מער. חזקי און חי'
האבן איינגעקויפט אלעס וואס זיי דארפן פאר יום טוב.



"איז עס שוין סוכות?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר בויען די סוכה."



חזקי און חי׳ האבן געהאלפן זייער טאטע בויען די סוכה.
זיי האבן אים געגעבן די שרויפן, די האמער, נעגלעך, און
ענדליך די סכך!



"איז עס שוין סוכות?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר באצירן אונזער סוכה."



חזקי און חי׳ האבן אויפגעהאנגען אלע הערליכע נוי סוכה.
זיי האבן געהאנגען בילדער אויף די ווענט און קייטלעך
פון די סכך.



„איז עס שוין סוכות?‟
האט חזקי געפרעגט.

„ניין, חזקי,‟ האט חי' געזאגט.
„ערשט דארפן מיר מאכן א פאן פאר שמחת תורה.‟



חזקי און חי' האבן צוזאם געקליבן פאפירן, markers,
pom poms, glue, און נאך אסאך פארב געצייג.
זיי האבן ביידע געמאכט א קאלירטע פאן פאר
שמחת תורה.



"איז עס שוין סוכות?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חיי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר זיך צוגרייטן פאר יום טוב."



חזקי און חי׳ האבן געהאלפן זייער מאמע קאכן און צוגרייטן די טיש. זיי האבן זיך אפגערוהט און דערנאך אנגעטוען שיינע יום טוב קליידער.



"איז עס שוין סוכות?"
האט חזקי געפרעגט.

"יא, חזקי!" האט חי' געזאגט.
"יעצט איז שוין סוכות!"

א גוט יום טוב!






ADAPTED FROM "IS IT SHABBOS YET?" BY ELLEN EMERMAN
ILLUSTRATED BY TOVA LEFF COPYRIGHT 1990 HACHAI PUBLISHING
USED WITH PERMISSION.

TU
everyschool.
everyteacher
everychild.
TORAHUMESORAH